רוצחים איז יודען בעסער געווען? און וואָסער צייט איז דען אריבער אויף יודען אָהן די שרעקליכסטע ענויים און שווערסטע נסיונות?

דער גרויסער מעכטיגער גאָט פון ישראל פיהרט אָבער זיין פאָלק דורך די אַלע ענויים און יסורים צו יענעם גרויסען הויכען ציעל, וועלכער איז נור איהם בעקאַנט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט — און-אויף וויפיעל מיר מענשען, קענען איהם תופס זיין איז ער: אויפהויבונג, אויסלייטערונג, אויס-איידעלונג, פערפיינערונג.

דער גרויסער מעכטיגער גאָט פון ישראל קומט שטענדיג, ווען ער ווערט גערופען מיט אַן׳אמת. ער האָט זיין פאָלק ניט פערלאָזען און וועט איהם ניט פערלאָזען. ער האָט איהם דורכגעפיהרט דורך דעם מדבר פון פעלקער אין אַ משך פון פיער טויזענד יאָהר און וועט איהם אויך ווייטער פיהרען.

„ד׳ בדר ינחנו ואין עמו אל נכר״.

און דוקא יעצט, אין דער צייט פון שרעקליכען חושך, הויבט אָן צו שיינען דאָס געטליכע ליכט אין מזרח.

---

# אַ בריף צו בני-יבנה

ליבע, טייערע חברים פון „יבנה״!

מחשבה איז דער היכל פון מענשען; די אינערליכע נקודה פון דער מחשבה, ריכטיגער, די אינערליכסטע נקודה איז — זיין קדשי-קדשים. ווען אָט די אינערליכסטע נקודה איז בעהעפט אין אין סוף ב״ה אָהן אויפהער בבחינת: „בחד קטירא אתקטרנא ביה בקודשא בריך הוא״ און אפילו, ווען זי קען צו אָט דער העכסטער מדרגה ניט צו קומען (ווייל דאָס איז די מדרגה פון רשב״י), נור זי רייסט זיך צו דעם, זי לעכצט, זי בענקט, זי וועהטאָגט, זי בלוטיגט, בבחינת „צָעק לבם אל ד׳״, רוהט השי״ת אין דעם מענשען און דער מענש אין איהם. „אחד באחד״: גאָט אין מענש און מענש אין גאָט.

אַ „בן-יבנה״ דאַרף שטענדיג אין זין האָבען אָט דעם גרויסען וועהטאָג, ווען ער קען ניט צוקומען צום „בחד קטירא אתקטרנא״. ער דאַרף זיין שטענדיג בבחינת: „לבו דואג בקרבו״. עס דאַרף וויינען זיין האַרץ אינווייניג על דרך: „מים תחתונים בוכים: אנן בעינן למהוי קדם מלכא!״...

שרעקליך שווער אָרום און אַרום. שרעקליך שווער אינווייניג. דער חושך שטאַרקט זיך פון רגע צו רגע. אָבער — „כי אשב בחושך ד׳ אור לי״ מען דאַרף זיך נור שטאַרקען און שטאַרקען איינע די צווייטע.

אין יעצטיגער צייט פון עקבתא דמשיחא, בפרט נאָך אין די לעצטע יאָהרען ווען מען זעהט שוין בפירוש זיינע שפורען, שטאַרקט זיך נאָך מעהר דער חושך פון אַלע זייטען. דער חושך קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ. און מחמת ער דערשפירט, אז זיין סוף איז נאָהנט, שטעלט ער אין קאָן אַלע זיינע לעצ-טע כחות, שיקט ער אין מלחמה אַריין אַלע זיינע בעסטע אויסגעפרובטע חילות

קען ער ניט בייקומען מיט געמיינע תאוות, ברענגט ער אריין אין הארצע יאוש און מרה-שחורה...

ליבע ברידער! זענט זיך קיינמאל און אויף קיין איין רגע ניט מיאש. שפייט אויף אלע היינט אויסגעטראכטע טעאריעס און שיטות. ווייסט נור איינס: אז ווי דער מענש איז מיט גאט, אזוי איז גאט מיט איהם. „ד׳ צלך". דער שאטען טהוט וואס דער מענש טהוט. אלע ווייסען עס. קיינער טראכט זיך אבער אין דעם ניט אריין ווי געהעריג איז, די וואס טראכטען אפילו יא וועגען דעם – לעבען אבער אין דעם ניט. דאס איז אלץ, אין בעסטען פאל, בבחינת אור מקיף, אבער ניט בבחינת אור פנימי. דער אור מקיף דארף אבער אריין אין פנימיות, ער דארף ווערען לאור פנימי, דאן קומט אראב נאך א גרעסערער אור, וואס ווערט א נייער „אור מקיף". אזוי כסדר.

אין די פנימיות הפנימיות איז, אז מען זאל לעבען אין עטהמען אין השי״ת, אז מען זאל זיך פיהלען אין איהם אזוי ווי א שטראהל אין זון, אזוי ווי א טראפען אין ים, אזוי ווי א שטויב אין קאסמאס. מיט אמאל קען מען אבער צו דעם ניט צוקומען. מען דארף צוליב דעם פיעל דאווענען און לערנען—און דער עיקר—גאט בעטען ביחידות מיט זייער פראסטע און איינפא-כע ווערטער אזוי פראסט און אזוי איינפאך, אז פראסטער און איינפאכער קען שוין ניט געבען.

אט אזוי א שטייגער:

„ליבער הארציגער פאטער! דו האסט מיך אראבגעשיקט אויף דער ערד. ווילסטו דאך, אז איך זאל דא אויספירען מיין שליחות. לערן מיך, ליבער הארציגער טאטע, אין וואס מיין שליחות בעשטעהט, וואס האב איך היינט צו טהון, ווי אזוי זאל איך זיך בעגעהן מיט מענשען, מיינע ברידער, דיינע קינדער. ווי אזוי זאל איך היינטיגען טאג דורכלעבען שעהן און ריין און הייליג אזוי ווי דו בעגעהרסט. ליבער הארציגער טאטע! גיב מיר די כחות און די כלים און אלע מעגלעכקייטען, אז איך זאל קענען דיין שליחות אויספיהרען!

גרויסע הייליגע נשמות פון אלע דורות!

איהר האט ערפילט די שליחות פון השי״ת בקדושה ובטהרה, העלפט מיר אין מיין וועג, זייט מיינע גוטע בעגלייטער, זענט מתפלל פאר מיר און זענט מיט מיר אין אלעם וואס איך טהו צום גוטען. ליכטיגקייט פון אלע ליכ-טיגקייטען! נשמה פון אלע נשמות! שיק מיר צו די הייליגע נשמות, וואס זע-נען נאהענט צו מיין שורש נשמה. פעראייניג זיי מיט מיר און מיך מיט זיי. און הויב אלע אויף און טראג אונז אלע אויף די פליגלען פון אונענדליכען חסד".

אויף דעם אופן קענען טאג-טעגליך געענדערט ווערען די אויסערליכקייט פון די תפלות. זייער אינערליכקייט בלייבט אבער איינע און די זעלבע: „תפלה לעני כי יעטוף, ולפני ד׳ ישפוך שיחו"...

---

## ה

### רזא דמחשבתא

מחשבתא — היכלא דבר־נש; נקודה פנימאה דמחשבתא, נקודה פנימאה דפנימאה, — קודש קודשין דיליה. כד נקודה דא אתדבקא באין־סוף ברחימו דאין לה הפסק. ברזא ד"חד קטירא אתקטרנא ביה בקודשא בריך הוא", ואפילו כד לית לה חילא ותוקפא לאתעלא לדרגא דא, אלא דאית לה כסופין וגעגועין וכאבין ומרעין ותבירו דרוחא בדרגא ד"צעק לבם אל ד'" — משכנא דקוב"ה בה, ומשכנתא דילה — בקודשא בריך הוא. "אחד באחד" — אין־סוף בבר נש, ובר נש באין־סוף.

אה"ח 1234567

וכד אנת, בר־היכלא, לית לך עדיין תוקפא וחילא דא למיהוי תדיר בדרגא ד"בחד קטירא אתקטרנא", הוי מיהת בדרגא ד"לבו דואג בקרבו". ליהוי עינך מעינא דדמעה — "מים תחתונים בוכים: אנן בעינן למיהוי קדם מלכא".

ובזמנא דא, בזמנא דעקבתא דמשיחא, ומכ"ש בשנין בתרין דרשימו דעיקבות משיחא אתגליין בחולא דמדבר העמים, חשוכא אתתקף ואתגבר מכל סטרא, דהא חשוכא חמא דקצא דיליה קריב, ועל דא אזדרז ואשדר כל חילין ומשריין דיליה

אוצר החכמה

דלעילא ודלתתא. הא חשוכא חמא דמלכותא דאור אתקרבא ואחרדא ואתבהלא ואגח קרבא רבא במלכותא דנהורא ואפשט צללים דיליה למבלע כל משריין דנהורא, למיכל כל עובדין טבין דעלמא ולקלקלא ולאפסדא ולאשחתא כל מה דזרע "אור זרוע לצדיק".

וכד חשוכא חמא דלא יכיל ליה לבר נש, מתוך דהאי בר־נש איהו תקיף כעמודא תקיפא ולא אנח לכל רעותין בישין ולכל כסופין דבשרא לאשלטא ביה אתחזי ליה כמלאכא טבא, אתגנב ליה בלביה וארחיק ליה מקוב"ה על ידי עצבותא, דאיהי מסטרא אחרא, על ידי מרה שחורה ועל ידי קטנות דמוחין.

אנת, בר־היכלא, לא תנח להאי גנבא למיעל בלבך. אנת, בר־היכלא, ליהוי לבך תדיר "לב נשבר" ועם דא — "לב שמח", כדאתפרש משמא דרשב"י: "בכיה תקועה בלבי מסטרא דא, וחדות — מסטרא דא". "עצבות" ו"לב נשבר" — לאו היינו הך, כדקא פריש אריה דבי עילאי רבי שניאור זלמן קדישא: "עצבות — מי שלבו מטומטם כאבן ואין כל חיות בקרבו; מרירות ולב נשבר — אדרבה! הרי יש חיות בלבו להתמרמר". כד לבך תביר ואית ביה חיותא למבכי ולאתחננא קמיה דקוב"ה, מיד אתפתח קדמך "היכלא דלית ליה רשו לאתפתחא אלא בדמעה". וכד מבוע דלבך מתפתח כדין נגונא דדבקותא מתפרץ מאליו ואתפתח האי "היכלא דלית ליה רשו לאתפתח אלא בנגונא", וכד נגונא קדישא משתמע בעלמין עלאין,

אוצר החכמה 1234567

מיד אתפתח האי היכלא ד״לית ליה רשו לאתפתחא אלא בחדוה״, וכד היכלא דחדוה מתפתח, כדין כל דינין מתעברין וכל מקטרגן אטמרן בגו כיפין וכל קליפין אטמרן בנוקבא דתהומא רבא ומלאכין קדישין יורדין לבני נשא ושמעין פתגמי אורייתא מפי רעיא מהימנא דדרא ומפי כל חכימי דדרא וחדן וצהלן ורקדן כבזמטוטי חתן וכלה וחסדין מגולין מתערין בעלמא וברכאן עלאן סגיאן ורעותא אוצר החכמה ורחמי וחנא וחסדא מקדם אבונא די בשמיא לעמא קדישא ולכל מאן דאית ביה חיותא.

אדכר לך, בר־היכלא, מה דאמרו חסידין קדישין אהא דאתמר: ״כל השערים ננעלים חוץ משערי דמעה״ — ״דמעה פתחא תרעין, ברם חדוותא — תברא כל תרעין״...

אנת, בר־היכלא, לא תתנשי מינך אף לרגעא חדא: ״ד׳ צלך — קוב״ה צלא דילך, והוא עביד לך מה מה דאנת עביד ואיהו אתנהג עמך כדאנת אתנהגת עמיה״. רעותא דילך ביה, רעותא דיליה — בך. כולא עלמא ידעין דא, ברם ידיעה דילהון לאו בפנימיותא דילהון איהי, ואף כד ידיעה דא דילהון עמיקתא איהי— חיידון לאו בידיעה דא אינהו. ידיעה דילהון — לחוד, וחיין דילהון — לחוד. ועל דא ידיעה דילהון, אפילו כד אית בה נהורא, נהורא דא רק ״אור מקיף״ איהו ולא ״אור פנימי״. אנת, בר־היכלא, ליהוי ידיעה דילך ״דד׳ צלך״ חיין דילך, חיין דמלבר ומלגאו, אור פנימי דילך, רעווא דילך ורעווא דרעווין דילך, נשמתא דילך ונשמתא לנשמתא דילך.

וכד ידיעה פשיטא דא איהי ״אור פנימי״ דילך, מיד נחתא נהורא חדא עלאה מיניה ברזא ד״אור מקיף״ ואוף נהורא חדא דא הוה על ידי חיין דקדושא ועבידתין דקדושא ל״אור פנימי״ ונחתא נהורא חדא עלאה דעלאה ברזא ד״אור מקיף״, ואף איהי אתאכל ואתכלל ואתאחד בנשמתא דבר־נש והוה ל״אור פנימי״ וכ׳ עד רום כל דרגין.

כללא דכולא: למיהוי קוב״ה בכל רגעא ורגעא חיותא דילך ואוירא דחיי דילך. כל נשימה ונשימה דילך — ביה. ברם לאו בדלוגא תמטי לכל האי, רק על ידי עבידתא אריכתא וצלותא דאין לה הפסק, צלותא פנימאה במלין פשיטין דפשיטין ועם דא — נוקבין ויורדין עד התהום.

**כגון:**

אבא רחימי דילי, רעותא דנפשאי! אנת שדרת יתי לעלמא דא. על מה שדרתני? בודאי בדיל למעבד שליחותך, אלפני נא, אבא רחימאי, מה אנא בעי למעבד ביומא דא ובכל יומא ויומא בגין למיעבד רעותך, מה אנא בעי למלל עם

בני נשא, דכולן אחוון דילי וכולן בנין דילך, מה אני בעי למיעבד האידנא ובכל עידן ועידן בגין דליהוו חיין דילי דכיין וקדישין כרעותך.

אבא דילי, דאנת הוא לבא דילי! הב לי כל אינון נהורין עלאין וכל מאנין דילהון וכל זיוא דנשמתא, בריות גופא, צלילותא דמוחא ובהירותא דדעתא וכל יכלתא וכל תקיפו למעבד מה דאנת מפקד יתי.

ואתון נשמתין קדישין דבכל דרא ודרא! אתון דעבידתון בכל ימי חייכון רעותא דקוב"ה בקודשא ובדכיותא, לווני באורחין דילי, סייעוני בעובדין דילי, צלו עמי והוו עמי בכל עובדין טבין דאנא בעי למעבד.

נהורא דנהורין! נשמתא דכל נשמתין! אשדר לי כל הגי נשמתין קדישין דאינון קריבין לשורשא דנשמתא דילי. ליהוו אינון אחידן בי, ואנא — בהון. ארים נא אותנא כולנא ושא על גדפין דחסדא דאין לו סוף.

אה"ח 1234567

כגוונא דא ליצלי בר־היכלא צלותא פנימא דיליה בכל יומא. ליצלי בר־היכלא צלותא דא במלין וצרופין אלין או במלין וצרופין אחריגין, ברם עקרא ושרשא דילהון ליהו תדיר.

צלותא דעניא דתביר לביה, ועם דא — כסופין שלהובין דברא למחזי סבר אפוי דאבוהי.

אוצר החכמה

## ו

### חושים נסתרים

כשאנו רוצים להטעים את הדברים שאנו משיגים בהשכלה, להבליטם ולהדגישם, אנו משתמשים בציורים הלקוחים מן החושים והתושיות:

חכמה — "ולבי ראה הרבה חכמה ודעת"; בינה — "שמעה אזני ותבן לה"; הבחנה — "אוזן מלים תבחן וחך אוכל יטעם לו"; הרגשת הטוב — "טעמו וראו כי טוב ד'"; למוד וידיעה — "לכו לחמו בלחמי"; געגועים לאלהים — "צמאה נפשי לאלהים"; קרבת אלהים — "הוי כל־צמא לכו למים ואשר אין לו כסף לכו שברו ואכלו בלי מחיר יין וחלב".

בטויים אלה אינם — כמו שחושבים אחרים — משל ומליצה, כי־אם ציורים מדויקים מועתקים מן החושים החיצוניים אל השכליים ואל החושים הפנימיים.

"חכמה" — עצם ההשכלה, עקרה, שרשה, מקורה, ראשיתה, הנביעה הראשונה, ההיולי שבה, תמצית תמציתה, עמדתה, בלי ההפשטות לאורך ולרחב, בלי